**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג בעפאר סוף וואך פון 'מעמאריעל דעי', אנאנסירט גאווערנער האקול אינוועסטירונגען צו האלטן ניו יארקער זיכער אין די וואסער דורך NY SWIMS אינציאטיוו**

***פייערט 100 מיליאן דאלאר צו פונדאסניי דעזיינען און פולשטענדיג איבערארבעטן פארלאזטע שווים באסיין קאמפלעקס אויף דזשאָנס ביטש מזרח-זייט באדע הויז; געמאלענע דעזיין פון רענאוואציע און בילדער פון יעצטיגע צושטאנד פון באדע הויז זענען פארעפנטליכט [דא]()***

***שטעלט אוועק 5 מיליאן דאלארדיגער גרענט פראגראם צו העלפן לאקאלע רעגירונגען באקעמפן מאנגלען; אפליקאציעס ווערן אנגענומען ביז יולי 26***

***אנאנסירט 2 מיליאן דאלאר פון בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו מאכן SUNY שווים באסיינען פאר צענטראלע ערטער פאר די קאמיוניטי***

***בויט ארויף אויף פריערדיגע אנאנס מאכנדיג ביז 90 מיליאן דאלאר צו פארטיילט ווערן פון בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 פאר מוניציפאלע שווימען איינריכטונגען אין פארקוקטע קאמיוניטיס***

***גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט נאך מאסנאמען צו אויפכאפן שארק פיש ביי סטעיט פארק ברעגעס אין לאנג איילענד דעם זומער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אינוועסטירונגען צו האלטן ניו יארקער זיכער אין די וואסער דורך די 'ניו יארק סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין מוניציפאלע שווימען' ( New York StateWide Investment in Municipal Swimming) אינציאטיוו. אנערקענענדיג אז זיך דערטרונקען אין וואסער איז די הויפט אורזאך פון טויט ביי קינדער צווישן 1 און 4 און אז קלימאט טויש וועט פארמערן וועטערס מיט עקסטרעמע היצן — האט גאווערנער האקול פארזיכערט מאסנאמען אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 און ארויסגעקומען מיט אנדערע אינציאטיוון פאר 'NY SWIMS' (ניו יארק שווימט) צו אויפבויען לאקאלע שווים באסיינען אין פלעצער וואו די נויט דערפאר איז גרויס, פארבינדן ניו יארקער צו די סטעיט'ס טייכן און לעיקס, אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס און אינוועסטירן אין סטעיט פארקס און שווים באסיינען. היינט אין דזשאָנס ביטש סטעיט פארק, האט גאווערנער האקול געפייערט פארשריט אויף עטליכע עלעמענטן פון די NY SWIMS אינציאטיוו און אזוי אויך אנדערע מאסנאמען צו אויפכאפן שארק פיש אקטיוויטעט ביי סטעיט פארקס אין לאנג איילענד דעם זומער.

"אזוי ווי דערטרונקען פעלער אין ניו יארק סטעיט קומען אן צו רעקארד-הויכע שטאפלען צווישן קליינע קינדער, איז דאס קלאר אז עס איז א פובליק געזונטהייט אנגעלעגנהייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "NY SWIMS איז די גרעסטע סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין שווימען זינט די 'ניו דיעל", און

מיר שאפן נייע וועגן צו צושטעלן פאר קינדער און זייערע פאמיליעס זיכער פלעצער זיך צו אויסלערנען צו שווימען."

**<u>NY SWIMS אינציאטיוון</u>**

אומגלייכע צוטריט צו זיכערע און באקוועמע געלעגנהייטן צו שווימען האט צוריקגעהאלטן פון צופיל ניו יארקער צו באקומען די טשאנס צו שפילן מיט די וואסער און זיך אויסלערנען פונדאמענטאלע וואסער זיכערהייט סקילס. NY SWIMS אינוועסטירט צו אויסברייטערן צוטריט צו שווימען אריבער די סטעיט, זיך קאנצענטרירנדיג אויף שוואכערע קאמיוניטיס און פלעצער וואס שטייען אויס עקסטרעמע היצן. עס דרייט אויך ארום צענדליגע יארן פון ארויסגעצויגענע אינוועסטירונג צו זיכער מאכן אז עפנטליכע פארקס אפפערן נייע ערשט-קלאסיגע שווימען איינריכטונגען וועלכע קענען באדינען טויזנטע טעגליכע באזיכער.

**רענאווירן די דזשאָנס ביטש מזרח-זייט באדע הויז**

גאווערנער האקול האט פארזיכערט 100 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין די דזשאָנס ביטש מזרח-זייט באדע הויז — די לעצטע גרויסארטיגע שטיקל פון אייקאנישע און היסטארישע דזשאָנס ביטש סטעיט פארק אינפראסטרוקטור וואס איז נאכנישט אנגערירט געווארן דורך די אויפלעבונג באמיאונגען פון די פארגאנגענע 10 יאר. די שווים באסיין קאמפלעקס וועט דעזיינט און אויסגעשטעלט ווערן פונדאסניי פאר צוקונפטיגע דורות צו געניסן דערפון. די צוגעלייגטע פינאנצירונג לכבוד די פארק סיסטעם'ס הונדערטסטע יארטאג, וועט די סטעיט פארקס אפיס פארוואנדלען א פארלאזטע שווים באסיין קאמפלעקס צו ווערן א דעסטינאציע פון א וואסער שפריצער פארק, אריינברענגענדיג און אריינבויענדיג אן אייגנארטיגע פיטשעווקע צו העלפן קינדער און אומערפארענע שווימער זיך צו אויסלערנען צו שווימען אין א קלענערע און קאנטראלירטע סביבה. די סטעיט פארקס אפיס וועט אריינגיין אין א שותפות מיט די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) צו אויפזעהן איבער די קאנסטרוקציע פון דעם פראיעקט. געמאלענע דעזיינס פון דעם פראיעקט און בילדער פון די עקזיסטירנדע צושטאנד פון די מזרח-זייט באדע הויז זענען פארעפנטליכט [דא](#).

**צושטעלן מער לייפגאַרדס**

כדי צו אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס וואס טוט באדייטנד באגרעניצן די מעגליכקייט צו צושטעלן צייט צו שווימען זיכערערהייט, האט גאווערנער האקול היינט אנאנסירט אז 5 מיליאן דאלאר אין געלטער זענען דא צו פארטיילט ווערן דורך די סטעיט דעפארטמענט צו העלפן ערמוטיגן דאס רעקרוטירן און האלטן לייפגאַרדס אריבער ניו יארק.

בארעכטיגטע אפליקאנטן פאר די פינאנצירונג רעכענען אריין ניו יארק סיטי, אלע ניו יארק סטעיט קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי און די סיטיס אָוו אלבאני, באפעלאו, ראטשעסטער, סירעקיוז און יאנקערס. בשותפות מיט די סטעיט, וועלן קאונטיס באפולמעכטיגט ווערן צו פארטיילן די פינאנצירונג לאקאלערהייט צו העלפן אמבעסטן שטיצן זייערע טאַון, ווילעדזש און סיטי לייפגאַרד-באוואכטע עפנטליכע שווימען ערטער און שווימען פראגראמען צו האבן די גרעסטע השפעה און ארויסהעלפן קאמיוניטיס וואס נויטיגן זיך דאס מערסטע אין שטיצע.

די אפליקאציע תקופה פאר בארעכטיגטע לאקאלע רעגירונגען איז יעצט אפן, און די טערמין ביז ווען מען קען אפליייען איז יולי 26, 2024. SWIMS לייפגאַרד גרענט פינאנצירונג קען גענוצט ווערן צו דעקן פראיעקט קאסטן אין פארבינדונג מיט זיכערע שווימען געלעגנהייטן, אריינרעכענענדיג:

- אדווערטייזינג פאר לייפגאַרד דזשאבס

- באנוסעס פארן בלייבן א לייפגאַרד און פארן אריינברענגען אנדערע
- צושטעלן נאך שעה'יגע לייפגאַרד געהאלטן
- לייפגאַרד געהאלט העכערונגען

אין 2022 האט גאווערנער האקול פאראדנט צו גיבן א געהאלט העכערונג פאר סטעיט לייפגאַרדס צו העלפן אדרעסירן א מאנגל אין איינגעשטעלטע ביי ניו יארק סטעיט פארק וואסער ברעגעס און שווים באסיינען, דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קעמפינג ערטער און וואסער ברעגעס מיט טאג שעה'ן אקטיוויטעטן.

**ארויסבויען לאקאלע שווים באסיינען אין נויטבאדערפטיגע געגנטער**

גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט אז ביז אזויפיל ווי 90 מיליאן דאלאר פון דעם נייעם 150 מיליאן דאלארדיגן NY SWIMS אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם זענען יעצט דא צו באקומען. אריינגערעכנט אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 און אין די 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, טוט דער פראגראם אפערן גרענטס צווישן $50,000 און 10 מיליאן דאלאר צו איינקויפן, דעזיינען, אויפבויען אדער איבערבויען איינריכטונגען, ברענגען גרויסארטיגע רענאוואציעס, פארבעסערונגען און מאדערניזירונגען אדער פאררעכטונגען פון שווימען איינריכטונגען און נאטורליכע שווימען ערטער. די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס פאר די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג איז ארויסגעקומען אום מאי 1 אויף www.dasny.org און www.parks.ny.gov.

די ערשטע אפליקאציע תקופה פאר די NY SWIMS קאפיטעל גרענט וועט זיך עפענען אום יוני 13, 2024, און אפליקאציעס מוזן ווערן אריינגעגעבן ביז יולי 12, 2024. מען ערווארט אז מען וועט מעלדן די אווארדס נישט פריער ווי אוגוסט 28, 2024. אפליקאציעס וועלן ווערן אפגעשאצט אויף די פרטים פון א פראיעקט'ס געברויך, ווירקונג, און מעגליכקייט.

**מאכן SUNY שווים באסיינען פאר צענטערן פאר די קאמיוניטי**

גאווערנער האקול האט פארזיכערט נאענט צו 2 מיליאן דאלאר אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 פאר SUNY קאמפוסן צו אפפערן לייפגאַרד סערטיפיקאציע קורסן און איבערברייטערן צוטריט צו שווימען קלאסן פאר יונגווארג. SUNY וועט ארבעטן צוזאמען מיט סקולס, יונגאווארג און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און מיט לאקאלע רעגירונגען צו פארמערן געלעגנהייטן זיך איינצולערנען צו שווימען אריבער יעדן ראיאן פון די סטעיט. אין צוגאב וועט ניו יארק גיבן אן אנרייץ פאר SUNY סטודענטן וועלכע זענען פעהיגע שווימער צו ווערן לייפגאַרדס דורכן דעקן די קאסט פון א לייפגאַרד סערטיפיקאציע פארהער און דורכן גיבן קאלעדזש קרעדיט פאר לייפגאַרד טרענירונג קורסן. אפליקאציעס פאר פינאנצירונג וועלן פארעפנטליכט ווערן אין די קומענדיגע וואכן, און סיי וועלכע SUNY קאמפוס מיט אן אפענע שווים באסיין וועט זיין בארעכטיגט פאר געלטער.

**פארבעסערן שווימען אפציעס און ערפארונגען ביי סטעיט פארקס**

טייל פון די גאווערנער'ס NY SWIMS איניציאטיוו איז צו ברענגען מער שווימען לערנען געלעגנהייטן און האלטן קינדער באשיצט ביי די שווים באסיין אדער וואסער ברעג. גאווערנער האקול האט פאראדנט די סטעיט פארקס אפיס צו:

- טאפלען די צאל שווים באסיינען און ברעגעס וואס אפפערן וואסער זיכערהייט אויסלערנונג פראגראמען אין 2024 – פון 7 צו 17 – צוביסלעך אריינברענגענדיג די צוגעקומענע ברעגעס און שווים באסיינען אין צוקונפטיגע יארן.

- ארבעטן צו טראנספארטירן קינדער און זייערע פאמיליעס צו איינריכטונגען וואו שווימען ווערט געאפפערט דורך די Connect Kids (פארבינד קינדער) פראגראמען.
- אפפערן אומזיסטע סאָנסקרין ביי סטעיט פארק שווים באסיינען צו העלפן פאמיליעס בלייבן זיכער אין די זון און צו געניסן פון די דרויסנדיגע לופט.

**<u>מאסנאמען צו אויפכאפן שארק פיש ביי לאנג איילענד סטעיט ברעגעס</u>**

גאווערנער האקול האט היינט אויך איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער מאסנאמען צו אויפכאפן שארק פיש אקטיוויטעט און אנדערע ים באשעפענישן ביי לאנג איילענד סטעיט ברעגעס דעם זומער. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, "סטעיט פארקס אפיס") האט צוגעלייגט און באנייט די נאכפאלגונג מעגליכקייטן, אריינרעכענענדיג מער דראָונס און דראָון פילאטן, זיך צו גרייטן פאר דעם שווימען סעזאן ביי די לאנג איילענד סטעיט פארק ברעגעס. שווימען איינריכטונגען עפענען זיך פאר דעם סעזאן ביי דזשאָונס ביטש, ראבערט מאָוזעס און סאָנקען מעדאָו סטעיט פארקס אפיס 'מעמאריעל דעי' סוף וואך.

סטעיט פארקס אפיס'ס פארברייטערטע נאכפאלגונג מעגליכקייטן דעם זומער רעכענען אריין:

- לאנג איילענד סטעיט פארקס לייגן צו פינף דראָונס צו אירע 17 וואס זענען יעצט אין באנוץ (אריינרעכענענדיג זעקס ביי דזשאָונס ביטש און פיר ביי ראבערט מאָוזעס) פאר א סך הכל פון 22 דראָונס.
- לאנג איילענד סטעיט פארקס האבן 29 טרענירטע דראָון פילאטן צווישן אפעראציעס איינגעשטעלטע, לייפגאַרדס און פארק פאליציי, און זיי וועלן צולייגן צום וויניגסטנס נאך 11 פילאטן ביז יולי 4.
- איין דראָון וואס איז צוגעלייגט געווארן צו די פארק פאליציי פלאטע איז א גרויסע פארגעשריטענע דראָון וואס האט די מעגליכקייט צו כאפן בילדער דורך היץ, מעסטן ווייטקייטן מיט לעיזער און עס איז אויסגעשטאט מיט קאמעראס פון א הויכע קוואליטעט צו ערלויבן נאכפאלגונג און פאטראלן דורכאויס נאכט שטונדן און אין שווערע וועטער. די דראָון קען אויך אראפלאזן א וועסט אדער אנדערע זאך וואס העלפט זיך האלטן העכער די וואסער אין עמערדזשענסיס.

אין צוגאב, האט ניו יארק סטעיט פארלענגערט די אפליקאציע תקופה פאר [וואסער ברעגעס דראָון גרענט פראגראם](#) ביז נאוועמבער 1.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט,** "שווימען איז איינס פון די מערסט פאפולערע און הנאה'דיגע וועגן פאר מענטשן צו געניסן פון אונזערע פארקס, און עס איז א קריטישע לעבנס סקיל. אזוי ווי מיר פייערן די הונדערטסטע יארטאג פון די ניו יארק סטעיט פארק סיסטעם, איז עס פאסיג אז די אויפלעבונג פון די היסטארישע דזשאָונס ביטש מזרח-זייט באדע הויז איז א צענטראלע עלעמענט פון גאווערנער האקול'ס NY SWIMS איניציאטיוו. אונזער אגענטור קוקט ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו אויסברייטערן גאר-נויטיגע זיכערע עפנטליכע שווימען אפציעס פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, וואלטער ט. מאסלי, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס NY SWIMS פראגראם וועט העלפן לאקאלע רעגירונגען פארשטערקערן זייערע באמיאונגען צו רעקרוטירן און אויפהאלטן לייפגאַרדס כדי קינדער און ערוואקסענע זאלן קענען געניסן פון די וואסער אויף א הייסע זומער טאג זיכערערהייט און כדי עלטערן זאלן קענען זיין רואיג וויסנדיג אז נאך א פאר אויגן זענען דארט צו היטן אויף זייערע פאמיליעס. מיט די פינאנצירונג, איז די סטעיט דעפארטמענט גרייט צו העלפן

לאקאלע רעגירונגען פארגרינגערן טייל פון די לייפגאַרד מאנגלען וואס מיר שטייען אויס אריבער די סטעיט."

**DASNY פרעזידענט און CEO, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) איז גאר שטאלץ מיטן שטיצן גאווערנער האקול'ס חזון צו אוועקשטעלן נייע שווימען און פארוויילונג געלעגנהייטן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. מיר זענען באגייסטערט צו העלפן ליפערן די נויטיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען אריבער די סטעיט דורך די NY SWIMS איניציאטיוו. די הילפס-מיטלען זענען קריטיש וויכטיג אין אונזערע פארקוקטע קאמיוניטיס אזוי ווי מיר ארבעטן צו בויען א בעסערע ניו יארק פאר היינטיגע און צוקונפטיגע דורות."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאַי, האט געזאגט,** "א וויכטיגע עלעמענט פון גאווערנער האקול'ס NY SWIMS איניציאטיוו איז דאס צושטעלן איינריכטונגען ביי שווים באסיינען און ברעגעס אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט וואו קינדער לערנען די וועזנטליכע און פאטענציאל לעבנס-ראטעווענדע סקיל פון שווימען. די OGS איז שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט אונזערע שותפים ביי די סטעיט פארקס אפיס צו רענאווירן און בויען א פולשטענדיג-צוגענגליכע שווים באסיינען פאר שווימען קלאסן ביי די היסטארישע דזשאָונס ביטש מזרח-זייט באדע הויז אין לאנג איילענד."

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גרייטן זיך פאר דעם זומער, בין איך פרייליך צו שטיצן גאווערנער האקול'ס NY SWIMS איניציאטיוו צו פארשטערקערן וואסער זיכערהייט אריבער די סטעיט. די אינוועסטירונגען וועלן זיכער מאכן אז לאנג איילענד איינוואוינער קענען געניסן פון אונזערע וואסער וועגן זיכערערהייט און פאראנטווארטליכערהייט פאר יארן אין די צוקונפט און זיי שטרייכן אונטער אונזער פארפליכטונג צו האלטן ניו יארקער זיכער אזוי ווי זיי געניסן פון דרויסנדיגע אקטיוויטעטן סיי אויף לאנד און סיי אין וואסער."

**אסעמבלי מיטגלידערין מיקאַעל סי. סאָלאַזש האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין עפנטליכע שווים באסיינען וועט ערלויבן פאר נאך ניו יארקער צו לערנען איבער וויאזוי צו שווימען. מער קינדער אין אונזער סטעיט דארפן זיך אויסלערנען די ווערטפולע סקיל וואס ראטעוועט לעבנס און מאכט דעם זומער מער הנאה'דיג פאר יעדן איינעם. לאנג איילענד וועט אן א ספק בענעפיטירן פון די היסטארישע אינוועסטירונגען אין NY SWIMS, דזשאָונס ביטש און מער לייפגאַרדס צו מאכן שווימען מער צוגענגליך פאר אלע אונזערע מענטשן."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק אסאָסיעישען אָוו קאונטיס, סטיווען אקוואריאָ, האט געזאגט,** "די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין לאקאלע שווים באסיינען וועט אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר זומערדיגע פארוויילונג אין אונזער לאקאלע רעגירונג-אנגעפירטע ברעגעס און שווים באסיינען אריבער די סטעיט — פילע אן די קאפאציטעט צו מאכן די נויטיגע אינוועסטירונג. NY SWIMS, א פריאריטעט פון גאווערנער האקול דורכאויס סטעיט בודזשעט פארהאנדלונגען, גיבן אן אייגנארטיגע איינשפריץ פון אינפראסטרוקטור געלטער וואס וועלן אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר איינוואוינער צו שווימען, א לעבנסלענגליכע סקיל. אין צוגאב, וועט NY SWIMS צושטעלן פאר קאונטיס און לאקאלע רעגירונגען די פינאנצירונג צו טרענירן און רעקרוטירן לייפגאַרדס פאר וועלכע די פארלאנג איז הויך. קאונטיס אפלאדירן די גאווערנער פארן אדרעסירן אן אומערפילטע נויט אריבער די סטעיט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט קאנפערענץ אָוו מעיארס (New York State Conference of Mayors, NYCOM), בארבארע וואן עפס, האט געזאגט,** "NYCOM אפלאדירט גאווערנער האקול פארן נישט נאר מאכן שווימען פאר א פריאריטעט אריבער ניו יארק, נאר פארן אויך

שטופן פאר זיכערע שווימען דורכן צוטיילן מיטלען ספעציפיש צו אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס אין אזויפיל פון אונזערע קאמיוניטיס. מיט די זומער חודשים זיך דערנענטערנדיג שנעלערהייט, וועט די אינציאטיוו גיין א לאנגע וועג ביים פארמערן און בארייכערן די פארוויילונג געלעגנהייטן וואס עקזיסטירן פאר קינדער און זייערע פאמיליעס אריבער די גאנצע סטעיט."

**נעסאו קאונטי מינאריטעט פירערין, דעליא דעריגי-וויטאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און קאמיוניטי וואוילזיין דורך די NY SWIMS אינציאטיוו איז ווירקליך לויבווערדיג. די באדייטנדע אינוועסטירונגען מאכן א גרויסע 'שפריץ' אין נעסאו קאונטי, אפשפיגלנדיג א צוגאנג פון אונטערנעמען פאראויסיגע אקטיווע שריט צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער קען אריינשפרינגען אין אונזערע הערליכע וואסערן זיכערערהייט. די אינציאטיוו וועט זיכער מאכן אז אונזער זומער איז זיכערער און מער הנאה'דיג, אוועקשטעלנדיג א נייע סטאנדארט פאר קאמיוניטי וואוילזיין און וואסער זיכערהייט אריבער לאנג איילענד."

**דעפיוטי סופערוויידער פון די טאון אָוו העמפסטעד, דאראטי גוסבי, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו וואסער זיכערהייט שיינט ארויס דורך איר 100 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויפלעבן די דזשאָונס ביטש מזרח-זייט באדע הויז. פון דעם לייפגאַרד גרענט פראגראם ביז שטיצע פאר SUNY שווים באסיינען — האבן אירע אינציאטיוון אן עכטע השפעה. גאווערנער האקול איז אן אמת'ע פירערין ביים האלטן ניו יארקער זיכער אין די וואסער."

**צווישן די גרינדער פון די New York Water Safety Coalition (ניו יארק וואסער זיכערהייט קאאליציע), גרונדער פון End Drowning Now (ברענגט אן ענדע צו דערטרונקונג יעצט) און דירעקטאר פון Stop Drowning Now (שטעלט אפ דערטרונקונג יעצט), באבי העיזען, האט געזאגט,** "זיך דערטרונקען איז פארמיידליך, און דערפאר, מיט די ריכטיגע וואסער זיכערהייט אויפקלערונג פאר אונזערע עלטערן, אויפזיהער, קינדער און קאמיוניטיס איבער די שיכטן פון שוץ וואס זענען נויטיג און די וויכטיגקייט פון נעמען שווימען לעקציעס קענען רעדוצירן די סכנה פון זיך דערטרונקען. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אנערקענען די פראבלעם און אונטערנעמען די אינציאטיוו עס צו העלפן פאררעכטן."

**גרונדער פון ReesSpecht Life און פראדוצירער פון די ReesSpecht וואסער קאמפיין, ריטש ספעקט, האט געזאגט,** "מיט די לעצטע CDC באריכטן אנדייטנדיג אז טויפעלער פון זיך דערטרונקען זענען פאר צו וואקסן אריבער דאס לאנד, איז דאס קלאר אז אונזער יעצטיגע צוגאנג ארבעט נישט. אונזער פאמיליע, האבנדיג איבערגעלעבט די פארלוסט ערשטהאנטיג, איז טראגיש באקאנט מיט וויאזוי אונזער געמיינזאמע אומוויסנדיגקייט איבער וואסער זיכערהייט קאסט אונז די לעבנס פון אונזערע קינדער. אויפקלערונג איז די שליסל צו ארומדרייען די נייגונג, און מיר אפלאדירן די גאווערנער פאר איר פארפליכטונג צו אויפקלערן ניו יארקע פאמיליעס איבער די זייער עכטע סכנה וואס דאס זיך דערטרונקען שטעלט פאר אונזערע קינדער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן